שנה ג'
נומער קל"ב
**פרשת קרח**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:
## בזיונות ברענגט ישועות

נייע אפטיילונג:
## בריוון צו די רעדאקציע

נייעס:
## פערטע סיום הש"ס געפראוועט

נייע קאנטרי געקויפט פאר אנשי שלומינו

# מחנה אילן החיים



ראש ישיבה פארציילט "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" אין שטעטל חדר

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# בריוו
פון דער רעדאקציע

## נייע אפטיילונג פון בריוון צום רעדאקציע

לכבוד אלע חשובע לייענער

ברוך השם מען הערט שטענדיג צוריק גאר גוטע גריסן פון די לייענער וואס האבן שטארק הנאה פונעם קרית ברסלב בלעטל, עס איז מלא תוכן פון אנהייב ביזן סוף, פון יעדע זאך קען מען עפעס ארויסנעמען און זיך מחזק זיין.

אפילו פון א בילד קען מען אסאך ארויסנעמען, איינער האט פארציילט אז זיין זוהן וואס לערנט נישט אין ברסלב, איז גאר שטארק איבערגענומען געווארן פון א בילד וואס איז געווען א צייט צוריק, מען האט געזעהן דארט א אינגל ענדיגט ש"ס ביים באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ירושלים, און דאס האט אים גאר שטארק אויפגעשאקעלט אז ער וויל דאס אויך נאכמאכן, כהנה וכהנה הערט מען ברוך השם צוריק גוטע גריסן.

מען פרובירט יעדע שטיק צייט צו גיין א העכערע דרגה און צולייגן א פרישע אפטיילונג אינעם בלעטל, יעצט האבן מיר צוגעלייגט א נייע אפטיילונג וואס די חשובע לייענער וועלן קענען האבן די געלעגנהייט ארייננצושיקן זייערע פראגעס וואס זיי האבן און זיי ווילן אנדערע זאלן צוריק ענטפערן מיט א תירוץ, אדער סתם אזוי שרייבן גוטע קאמענטארן פארן די מערכת.

שיקט אריין אייער בריוו צו די אימעיל אדער טעלעפאון נומער פון די מערכת.

# ווע׳טער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 01 | 87°/64° | | Partly Cloudy |
| Sat 02 | 78°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Sun 03 | 76°/55° | | Showers |
| Mon 04 | 77°/56° | | Partly Cloudy |
| Tue 05 | 78°/58° | | Isolated Thunderstorms |
| Wed 06 | 77°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 07 | 78°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 08 | 79°/56° | | AM Clouds/PM Sun |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל״ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר״ן רכ״א

# זמנים
Liberty
**פרשת קרח ג׳ תמוז תשפ״ב**

**הדלקת הנרות**......... 08:19
**מוצאי שבת** ............ 09:49
**מנחה מעריב חקת**... 09:20

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה ישראל פוקס הי״ו**
**וזוגתו אסתר תחי׳**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען אלע חשובע משפחות אנשי שלומינו וואס קומען ארויס אין שטעטל ווילן אויף די זומער וואכן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל דאס קענען אויסניצן פאר לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטן.



# בריוו צו די
# רעדאקציע

## שרייבן נקודות פון די וואך

איך האב זייער הנאה פון די בלעטל, איך ליין עס שוין זינט די ערשטע וואך וואס ס'איז ארויסגעקומען, איך האב הנאה אז מען האט זיך אנגעהויבן מער אריינלייגן, עס זאל זיין רייך און קאלירפול.

איך האב זייער הנאה פון יעדע ארטיקל, מיר איז אבער שטארק געפאלן די געדאנק וואס מען האט צאמגענומען נקודות פון מענטשן וואס האבן געוויילט שבועות אין שטעטל, עס איז געווען זייער שיין צו זען ווי יעדער נעמט ארויס אנדערע זאכן פונעם יום טוב.

איך טראכט אז מען קען עס ממשיך זיין ווייטער מאכן יעדע וואך, ווי למשל בחורים זאלן שרייבן פון זייער קוק ווינקל וואס עס האט זיי געכאפט די וואך אין ישיבה, אינגעלייט זאלן שרייבן וואס זיי האבן געזען שבת ביים ראש ישיבה, קורצע זאכן א שמועס'ל, א דאווענען, א תנועה, און אפשר אויך אידן אין אנדערע מקומות ווי אין שטעטל, קרית יואל אדער ארץ ישראל אייראפע זאלן שרייבן עפעס א קורצע זאך וואס עס האט זיי געכאפט במשך די וואך אדער שבת.

ב. ל. ב.

**ענטפער פון די רעדאקציע**

ווי איר זעט פראבירן מיר מיט'ן אייבערשטן'ס הילף צו גיין צוביסלעך, כסדר צולייגן נייע אפטיילונגען, אלעס וואס עס האט זיך געטוישט אין די לעצטע שטיק צייט איז נאר צו פארדאנקען אז עס זענען צוגעקומען פרישע כוחות, אדרבה מיר ווארטן צו האבן נאך שרייבער, העלפער וכדומה, סיי ווער עס וויל צולייגן א פלייצע, קען זיך פארבינדן מיט די מערכת און בעזרת השם וועט מען קענען טון א סאך שיינע זאכן מיט'ן בלעטל.

## פארוואס שרייבן אויף א נייעם סטייל

איך האב זייער הנאה פונעם בלעטל יעדע וואך, איך האב איין שאלה, איך וויל פארשטיין פארוואס לעצטנס האט מען אנגעהויבן שרייבן א נייע סטייל, אמאל איז די בלעטל געווען געשריבן פשוט, דאס וואס מען האט געוואלט שרייבן, דאס האט מען געשריבן, לעצטנ'ס האט זיך אנגעהויבן ארטיקלען וואס איז געפלאכטן מיט משלים, הסברים, תורה'לעך און פשעטלעך, פארוואס קען מען נישט האלטן די בלעטל פשוט ווי ביז היינט?

ל. ה.

**ענטפער פון די רעדאקציע**

היות דער שרייבער פונעם אפטיילונג "צום פינטל" (געווען גאסט ארטיקל) האט געהאט



א חלק אין דעם פון די נייע סטייל פון שרייבן, במילא וועלן מיר איבערלאזן פאר אים צו פארענטפערן באריכות די שאלה אין איינע פון די קומענדיגע ארטיקלען אם ירצה השם.

## קאמענטארן אויף די שבועות "בלעטל"

לכבוד חברי המערכת שיחיו

יישר כח פאר די פאזיטיווע פידבעק אויף מיינע צוויי סענט וואס איך האב אריינגעווארפן (אפענהארציגע בריוו) אינעם שבועות בלעטל, איך האב הערשט נעכטן באקומען די בלעטל פון שבועות, איך מוז אייך זאגן עס איז דא גאר פיינע טאלאנטן ביי אייך, איך האב עס שוין עספיעט צו ליינען מ'דאשקע ל'דאשקע עס איז פול מיט תוכן, אזוי רייך, איך האף אז איר וועט אנהאלטן דעם סטאנדארט, איר דארפט נאר זען צו מוטיגן אייערע שרייבער זיי זאלן ווייטער שרייבן, עס קומט נישט אן גרינג פאר א שרייבער צו שרייבן, עס קאסט פול קאפ און מח צו שרייבן אן ארטיקל, דעריבער אויב איר וועט מחזק זיין אייערע תלמידים וואס זענען געבענטשט געווארן מיט'ן טאלאנט פון שרייבן, וועט איר נאך זיין איין טאג "די מאגאזין" וואס מען וועט זוכן.

עס איז הערליך די ארטיקל פון צבי גלויבער, זייער שיין ארויסגעברענגט די טיפקייט וואס ליגט אונטער'ן סדר דרך הלימוד פון אפ"דאווענען" דאס גמרא, עס צושטעלנדיג צו דעם ענין וואס אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען צו אפ"דאווענען..." די גרויסע הייליגע ענין פון תפילה וואס דער עיקר דערפון איז "כוונה", און די ענין פון תפילה אן קיין כוונה, אין אנדערע ווערטער 'סתם דאווענען' די ווערטער פון תפילה איז עפעס וואס איז זייער אינטערעסאנט, און ער שטעלט עס צו צו דעם ענין פון לימוד התורה, אז דאס אפדאווענען ווערטער פון תורה איז א הצלה פאר כלל ישראל דאס ראטעוועט אפ אידישקייט, פונקט ווי בזמן אנשי כנסת הגדולה האט דאס אפדאווענען ווערטער פון תפילה אפגעראטעוועט כלל ישראל פון אונטערגאנג.

דערנאך די הערליכע אינטערוויו פון ר' אברהם משה נרו יאיר די רייכע היסטאריע פון דאס גרינדונג פונעם שטעטל, זייער שיין, פול מיט הומאר, עס ציט צו ליינען, און ער ענדיגט ווי א שרייבער ער לאזט דעם עולם ווארטן - מיטן צונג אינדרויסן - אויף די קומענדיגע אינטערוויו, איך האף אז ער וועט אונז נישט לאזן ווארטן צו לאנג, ווייל דאס צונג קען נאך חס ושלום אינגאנצן ארויסגעטריקנט ווערן פון עס האלטן אזוי לאנג אינדרויסן...

דערנאך די צד השוה פון די צוויי ארטיקלען, ערשטנ'ס פון ר' משה ארי' שניטלער נרו יאיר איבער דאס **אנטלויף 'קיין' אומאן** ביי 11/9 און דערנאך די ארטיקל פון ר' ישראל פוקס נרו יאיר איבער די **אנטלויף 'פון' אומאן**, וואס ביידע זענען זייער גוט געשריבן, עס ברענגט ארויס זייער שטארק, די אמונה און בטחון, וואס טוט באגלייטן א איד וואס ווייקט זיך אין שיעורים פון אמונה כסדר.

דערנאך די רייכע באשרייבונג פון די שבעת ימי המשתה פונעם טאכטער פונעם ראש ישיבה שליט"א, גענומען פון א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן, עס איז מלא תוכן עס איז מלא חן, אזוי ווי אלע בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אן ארטיקל וועל אין גערן שרייבן, איר דארפט מיר נאר געבן א טאפי"ק איבער וואס צו שרייבן און איך וועל פראבירן כיד השם הטוב עלי צו ארבעטן אויף עפעס. יישר כחכם חיילכם לאורייתא

שמאי שטראוס

# צום פינטל

# קרח אדער משה רבינו?

ער פאלגט נישט! איך האב עס יעדע מאל מיט אים, ער מאלט זייער שיין, אבער איך זאג דיר שוין איך גיי עס נישט ניצן, יא... איך פארשטיי... איך האב געזען, ער איז מורא'דיג, איך בין געזיצן אין באטראכט די בילדער, פארפאלן ער מאלט זייער גוט, איך האב אזוי געלאכט ווי ער מאלט אפ קרח מיט א קליין קאפעלע, מיט א געציפטע בארד, ער זיצט פארטיפט אין זיין סטעטוו"ס, און די צוויי הונדערט און פופציג אזעלכע ריפארם ראביי'ס שטייען ארום מיט זייערע גרויסע סמארט פאוינ'ס. ער האט טאלאנט, פאר דעם האב איך אים טאקע גענומען, אבער איך קען נישט אזוי ארבעטן, ער ווייסט נישט ווי אזוי צו פאלגן, ער מאלט די בילדער לויט זיין קאפ, ער פרעגט נישט פאר ער מאכט עפעס.

ניין ניין... זאג אים אז עס קען זיין אז מען וועט עס נאך ניצן, אז ער וועט עס אביסל צופיצן קען מען עס ניצן פאר א אנדערע סדרה, דאס בילד וואלט געווען גוט פאר פרשת ויצא קומענדיגע יאר, ווען מען דארף אראפצומאלן עשו. ביי עשו דארף עס זיין א בילד, וואס ברענגט ארויס ליצנות פון די וואס מאכן ליצנות פון ערליכע אידן, פון די וואס גייען אויף נייע מאדערנע וועגן, אזוי ווי מיר זענען צוגעוואוינט 'א עשיו הרשע', ער האלט די הענט אין טאש, ער זיצט מיט א גרויסע סמארט פאון, די אלע זאכן וואס מען דארף אריינלייגן יראת שמים אין די קינדער. אדער קען מען עס ניצן ביי די פרשה פון לבן, די קינדער זאלן באקומען דעם לימוד וואס עס מיינט א 'לבן הארמי' פארשטייסט?

זאג אים אין מיין נאמען וואס איך האב דיר געזאגט. יא יא... די בילדער זענען מורא'דיג, אבער זאג אים זייער קלאר, ווי אזוי עס איבערצומאכן, ער זאל אפמאלן קרח ווי א מלאך אלוקים צבאות... ער זאל זיין אנגעטון פונקט ווי משה, מיט א שמיץ אריבער... אויב מאלט ער אפ משה רבינו מיט א שטריימל, ווייסע זאקן, און א ברייטע גראטל, דארף ער מאכן קרח מיט א זילבערנעם שטעקן און א פעלץ, מיט א ערנסטע מינע אויפן פנים. אויב מאלט ער מרס אקער'ס סטייל, א שיינעם מיטל-מזרח'ישן טיכל פאר משה רבינו, דאן מוז ער מאלן קרח און זיינע רבנים די זעלבע וועג, מסודר? ווערסט אים איבערגעבן? איך מוז גיין צו

וועג, מסודר? וועסט אים איבערגעבן? איך מוז גיין צו די קינדער, יא שכוח, די אנדערע זאכן וועל איך דיר רופן שפעטער, אבער דאס בילד ברענט מיר יעצט, זיי האבן א דע"ד ליי"ן ווי שפעט זיי קענען דרוקן די בילדער ביכל פאר יעדע סדרה, איך וויל נישט אז עס זאל ווערן שפעט, עס מוז זיין גרייט אין צייט, הצלחה זיי געזונט.

***

ווען איך האב געלערנט די רש"י אלס קינד אז קרח איז ארומגעגאנגען די גאנצע נאכט ליצנות מאכן פון משה רבינו, האב אין מיך אויסגע'משל'ט עפעס א 'קויראך' (מיט א R...) אנגעטון מיט געלעכערטע דזשינ"ס, ווען א צינישע שמייכל איז אויסגעשפרייט אויף זיין פנים, ער דרייט זיך ארום שיכור מיט א ליידיגע ביר באטל אין האנט, און עס לויפן אים נאך א באנדע צולאזטע יונגען, און שרייען "מוישע, העי", איך האב נישט געקענט טראכטן עפעס אנדערש, ווי אזוי דען קען אויסזען א מענטש וואס מאכט ליצנות פונעם רבן של ישראל משה רבינו, ווי אזוי קען אויסזען א מענטש וואס מאכט ליצנות פון כלל ישראל, דאס זעלבע מיט דתן און אבירם - איך זאג דיר ווי אזוי איך האב געטראכט אלס קינד - מיט שפיציגע נעזער, מיט יענע צייט סטייל מאדערנע שטריימלעך, שפיציגע שיך, קורצע בעקיטשע'ס, און די איבריגע קענסטו אליין פאנטאזירן.

דאס לעבן האט מיך אבער אנדערש געלערנט, איך האב צוגעזען אין לעבן מערכות וואס אויבן אויף האט עס אויסגעקוקט ווי דער ערליכער, דער דעת תורה, דער העכערע סארט פון כלל ישראל שלאגט זיך קעגן די קלות'דיגע און שוואכערע סארט, אבער זייער סאך מאל האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ווען זאכן האבן זיך אביסל געזעצט האט מען געזען אז עס איז געווען ריין פאליטיק, און ווען איך בין געקומען צו מוהרא"ש האב איך מיך עס נאך מער איבערצייגט, אונזער גרויסער רבי מוהרא"ש זי"ע איז געווארן גע'רודפ'ט פון אנשי שם קרואי מועד, מענטשן וועמען די וועלט האט אנגעקוקט ווי 'זיי' זענען די ערליכע אידן, און מוהרא"ש איז חס ושלום פון די שוואכע, אבער אז מען קוקט היינט צוריק זעט מען, ווער זענען געווען די חולקים אויף מוהרא"ש, נישט מער ווי אפאר ליידיגע יונגען, ממש די מעשה פון קרח וכל עדתו האט זיך איבערגעשפילט, רשעי ישראל האבן געקעמפט קעגן דעם צדיק ומנהיגם של ישראל.

און אזוי איז געווען אין אלע דורות, איז עס נישט קיין געלעכטער אז דער רשע אחאב האט געשריגן אויף אליהו הנביא 'האתה זה עוכר ישראל', לאמיר זען ווער שרייט, און אויף וועמען שרייט ער...

וויפיל מאל פלעגט מוהרא"ש חזר'ן די מעשה אז ווען דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע, יענע תקופה האט ער נאכנישט געהאט קיין אייגענע מקוה, פלעגט ער פארן מיט הרה"ח ר' דוד הויער ע"ה צום מקוה אין דער פוילשע שטיבל אויף דיווידזשן עווועניו. איינמאל ווען דער רבי איז געגאנגען אין מקוה, האט מען אים נאכגעשריגן 'עוכר ישראל', אזוי בכל דור ודור פארשטעלט זיך דער סמ"ך מ"ם אין א טלית שכולו תכלת... און קומט ארויס מיט א פרומען פנים קעגן די אמת'ע צדיקים.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט נאכדערציילן ביי די שיעורים פרשת קרח, וואס ער האט געהערט פונעם סאטמאר רבי זי"ע, אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט געזאגט, אז זיין נשמה

איז אראפגעקומען דריי מאל אויף דער וועלט, איין מאל איז עס געווען ביים דור המדבר, אין די צייט פון די מחלוקת פון קרח אויף משה רבינו. זיין אייניקל דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט אים געפרעגט: "נו, אויף וועלכער זייט איז דער זיידע געשטאנען?" ער איז געווען זיכער אז זיין גרויסער הייליגער זיידע איז מיטגעשטאנען מיט משה רבינו!

אבער דער ישמח משה האט געענטפערט: "ניין, איך בין געשטאנען אין די זייט, איך האב מיך נישט געמישט" און ער האט געזאגט פארן אייניקל: "ווען דו זאלסט וויסן וואסערע גרויסע צדיקים און רבנים זענען אלס מיטגעשטאנען מיט קרח, קעגן משה רבינו, וואלסטו דיך נישט געוואונדערט אויף מיר". דער הייליגער ישמח משה איז געשטאנען אין די זייט, און דאס איז שוין אויך געווען א מדריגה, אז ער האט זיך נישט געמישט, אזוי שטארק איז געווען די בילבול המוחות יענע צייטן.

***

לאמיר זיך צומאכן די אויגן און קוקן אויף די פרשה פון קרח מיט נייע ברילן, ווי אזוי עס וואלט אויסגעזען בימים ההם בזמן הזה; חסידי ומעריצי קרח, גייען ארום מיט א געוואלדיגע ברען, מען טוט באאויפטראגן כלל ישראל אז עפעס גאר א וויכטיגע אסיפה גייט פארקומען, מען גייט ראטעווען דעם דור, יעדער איינער מוז זיך משתתף זיין, עס וועט זיין בהשתתפות אלע גדולי הרבנים.

עס איז פאררופן געווארן א אסיפה מטעם ראשי סנהדרין און אלע אנשי שם קרואי מועד, עס זיצן דארט די הויפטן פון די סנהדרין. שטעל דיך פאר ווי עס וואלט געווען געדעקט אויף די פאדערשטע זייט פון אלע היימישע צייטונגען און מאגאזינען. די רבנים זיצן און בליקן אריין אין א ספר, מען שושקעט זיך שטילערהייט, יעדער איינער זאגט א מיינונג ווי אזוי מען קען ראטעווען די דור, רבנים רינגס און ארום דעם פיל שטאקעדיגן אויבנאן מיט ערנסטע פנימער.

קרח קומט אריין, די גאנצע זאל שטעלט זיך אויף און מען ווארט ביז קרח קומט אן צו זיין פלאץ און זעצט זיך אראפ, קרח פארפירט א תורה'דיגע שמועס מיט אלע רבנים און מען הייבט אן דן זיין אויף די געוואלדיגע קלות וואס קומט ארויס פון די פסקים פון משה. מען קען שניידן די ערנסטקייט אין די לופט, אלע שטייען מיט פארכט פאר קרח, יעדער וויל הערן דעם דבר השם, קרח איז א הימל מענטש, ער זיצט און איז דן אלע מכשולות וואס זענען ארויסגעקומען דורך די פסקים פון די צוויי בני עמרם משה און זיין ברודער אהרן.

קרח פארטראכט זיך אביסל און דערנאך ברענגט ער ארויף פארשידענע ביישפילן; פארוואס זאל מען נאר לייגן א קליין בענדל פון תכלת פאר די הייליגע מצוה פון ציצית, אויב די תכלת טראגט אזא גרויסע חשיבות אין הימל, פארוואס זאל מען נישט באפעלן אז אלע זאלן זיך אנטון אין א טלית וואס איז אינגאנצן פון תכלת, פארוואס זאל מען אלעמאל זוכן די גרינגע וועג, פארוואס זאל מען זיך זוכן גרינגער צו מאכן, קען דען זיין אז די הייליגע פייעריגע תורה זאל זיין אזוי פשוט.

נאך א ביישפיל ברענגט קרח ארויף; די מצוה פון מזוזה, פארוואס לייגן א קליין פרשה'לע ביים אריינגאנג פון טיר, פארוואס זאל מען נישט באפעלן א מצוה אז יעדער

איד מוז האבן א בית מלא ספרים, א גאנצע הויז פול מיט ספרי תורה. אלע האבן געהערט בכובד ראש די דעת תורה, אלע האבן צוגעשטימט צו די טענות פון קרח, די אסיפה איז געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה, אלע זענען זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות, מען גייט אננעמען פון היינט און ווייטער די פסקים פון קרח, די תורה וואס בן עמרם האט געגעבן איז עפעס זייער קלות'דיג, אזא תורה קען מען נישט געבן פאר די עם הנבחר, מען מוז עס מאכן עפעס מער א דערהויבן, מען דארף זען ווי מ'קען צולייגן חומרות און פרישות, דאס אויסדערוועלטע פאלק, די קינדער פונעם אייבערשטן זאלן ליגן אזוי אין ארציות אין גשמיות, מען דארף זען ארויפברענגען כלל ישראל צו עפעס העכערס.

***

דער סוף פון קרח וכל עדתו ווייסט דאך יעדער, אז קרח מיט אלע צוויי הונדערט און פופציג רבנים זענען פארזינקען געווארן אין דער ערד. מוהרא"ש איז דאס מסביר אז דאס איז געווען מידה כנגד מידה, זייער בליק איז געווען אז תורה איז נישט אזוי פשוט, די פשוטע ציצית די פשוטע תפילין מיט דעם קען מען זיך נישט פרייען, מען דארף עפעס העכערס, די תורה איז מער הימליש פון וואס משה רבינו האט עס אראפגעברענגט, וועגן דעם זענען זיי אלע איינגעזינקען אין דער ערד, צו ווייזן, די תורה איז פאר ערד מענטשן, פון שאול תחתית פון דארט קען מען זיין א איד, זיי מוזן שרייען און מודה זיין משה אמת ותורתו אמת ואנחנו בדאים, משה איז אמת, און זיין תורה איז אמת און מיר זענען פאפער'ס.

***

לאמיר מיטנעמען די פרשה פון קרח, לאמיר נעמען די לימוד פאר זיך, דער ראש ישיבה לערנט אונז קליינע מענטשעלעך אז ס'איז זייער שעדליך צו נעמען א צד אין סיי וועלכע מחלוקת, 'בפרט' ווען עס איז 'לשם שמים',

דער ראש ישיבה שרייבט אינעם הייליגן ספר עצתו אמונה מורא'דיגע ווערטער:

**געדענקט וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן סו): "בְּמָקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דער שטן געפונט זיך דארט וואו מען קריגט זיך; דאס איז זיין זאך, ווי מען קען מאכן מחלוקת. דערפאר דארף מען אנטלויפן פון מחלוקת ווי פון פייער, "בפרט ווען דער יצר הרע קומט מיט א שלייער פון לשם שמים, דאן איז דאס זייער מסוכן, ווייל אזוי כאפט ער אריין אפילו די ערליכע אידן" ער רעדט זיי איין אז עס איז א מצוה צו טשעפען א צווייטן, צו רודפ'ן א צווייטן.**

מיר דארפן קלאמערן נאך צדיקים און גדולי ישראל וואס ווייזן אונז די וועג ווי אזוי זיך צו פירן, זיי לערנען אונז פון וועמען זיך אכטונג צו געבן, די צדיקים די לוחמי מלחמות השם זיי טוען די ארבעט פאר אונז, אויסצוקלארן פאר אונז את הדרך אשר נלך בה.

אבער וואס טוט זיך מיט די קרח וואס איז אריינגעזיקן אין אונזערע מוחות, אין אונזערע הערצער, איך האב געמיינט אז קרח איז אריינגעזינקן אין דער ערד, דערווייל זע איך אז ער האט זיך באקוועם געמאכט ביי מיר און הארץ, איך הער דעם בת קול, יא יא דער בת קול... קרח איז דא, אנגעטון ווי





א ווייסע מלאך, לשמחה מה זו עושה, וואס ביסטו אזוי פרייליך היינט, האסט געהיטן שבת? האסט געלייגט תפילין? האסט א מזוזה? הע, לאכט ער מיט א ביטול, מיט דעם פרייסטו זיך, ביסטו א שומר שבת מיט אן אמת'ער אמת? האסטו דען אינזין די ריכטיגע כוונות פון תפילין? וואספארא ווערד טראגן שוין תפילין וואס אזא זינדיגע מענטש ווי דו טוט אן.

דו זעסט דאך אליין, אז דו פאלסט און דו פאלסט, וואס איז די פאוינ"ט פון זאגן נאכאמאל און נאכאמאל "אייבערשטער איך וויל שוין פון יעצט זיין גוט", וואסערע מאנקי ביזנעס איז דאס, מ'טוט זיך וואס מען וויל, און מען טוט זיך תשובה? קרח שרייט... איך האב געמיינט אז ער שרייט "משה אמת ותורתו אמת", אבערוואס... וואס זענען שוין דיינע מצוות ווערד, וואספארא ווערד טראגן שוין די פאר ווערטער וואס דו רעדסט צום אייבערשטן, וואסערע חשיבות איז שוין אז איך וועל געבן איין מאל א קוק ווייניגער א שלעכטע קוק, כדי צו זיין א ערליכע איד דארף מען ברענען, דארף מען פלאקערן. דו גייסט היינט גיין אין שול דאווענען, פון וועמען מאכסטו לצנות, וועמען פאפסטו? האסט דאך נישט געדאווענט נעכטן, דאס איז דער קרח וואס פירט א מערכה מיט משה רבינו, קרח טענה'ט 'שלימות', 'הימל', 'פלאקער', אויב נישט איז עס גארנישט ווערד.

דא דארפן מיר זיך שטעלן אויף די זייט פון משה רבינו, דא דארפן מיר שטעלן א העפטיגע ווידערשטאנד צו קרח וכל עדתו, וואס וויל אונז פארקויפן זיין אייגענע תורה, ער קומט צו אונז מיט א נייע תורה, די תורה איז א הימל זאך, די תורה איז פאר צדיקים, ווי קענסטו פשוטער מענטשעלע רעדן צום גרויסן באשעפער.

לאמיר אויסהערן משה רבינו וואס לערנט מיט אונז אז תורה איז זיס, תורה און מצוות איז געשמאק, יא! אפאר ווערטער צום אייבערשטן, מיין שבת איז טייער, עס ברענט ווי א פייער, ווי אזוי איך קוק אויס, און אזוי, טריקענערהייט מקבל שבת, דאס איז די ווילן פונעם אייבערשטן, יא מיינע פשוטע סעודות שבת, יא מיין קליין מזוזה'לע, יא מיינע קליינע בענדלעך ציצית, נישט קיין חילוק ווי אזוי עס איז אנגעטון, חסידיש, עובד'דיש באמ'יש, עס איז די הייליגע ציצית פון די הייליגע תורה, דאס איז וואס רעש'ט און באלייכט אלע וועלטן, יא! די קליין מצוה'לע וואס איך טו, ווי אזוי איך טו עס, דאס איז וואס עס ברענגט אזא נחת רוח פאר אונזער טאטע אין הימל.

האבן שלום בית מיט מיין ווייב, געבן גוטע ווערטער פאר מיין ווייב, דאס איז תורה, דאס איז יראת שמים, קרח וויל אריינלייגן אין מיר אז דאס איז קלות, כדי נאכדעם זאל ער מיר כאפן אין זיין נעץ פון עבירות, לא טוב היות האדם לבדו, דאס איז די תורה, חומרות און פרושות דאס איז קרח'ס תורה, אפאר דיבורים פון מיין מויל אזוי ווי עס זעט אויס, אויף דעם ווארט מען אין הימל, לאמיר זיך שוין אננעמען פאר משה רבינו און זיין תורה, לאמיר ארויסווייזן שטיצע פאר די אמת'ע תורה, לאמיר שוין יעצט זאגן צוזאמען די קינדערישע ווערטער: "הייליגע באשעפער איך וויל זיין א איד, הייליגע באשעפער איך וויל מיך צוריק קערן צו דיר, הייליגע באשעפער ראטעווע מיך פון די פרומע יצר הרע, הייליגע באשעפער איך האב דיך ליב", מיט דעם פראטעסטירן מיר אז מיר זענען פון די מענטשן פון משה רבינו, מיר זיכן נישט קיין שלימות, מיר זיכן צו טון די רצון השם.

**משה אמת ותורתו אמת**

# שטעטל נייעס

## ב"ה באקומען פערמיטן צו בויען פרישע הייזער




ווי געמאלדן א צייט צוריק איז מען אדורך אסאך שוועריקייטן צו בויען פרישע הייזער פאר אנשי שלומינו אויף די ליידיגע שטחים אין שטעטל, נאכדעם וואס די באאמטע האבן זיך געשטעלט אין די לענג און אין די ברייט דאס זאל נישט צושטאנד קומען, צוליב דעם וואס זיי האבן געוואלט מקיים זיין דאס וואס חז"ל זאגן "עשיו שונא ליעקב", און אויך ווייל דער אייבערשטער האט ליב צו הערן אונזער קול פון תפילה, זיי האבן זיך יעדע מאל ארויסגעדרייט מיט אנדערע לעכערליכע תירוצים פארוואס זיי געבן נישט די פערמיטן, די לעצטע מאל איז געווען די תירוץ אז מען דארף זען אויב עס איז דא גענונג וואסער פאר די פילע איינוואוינער וואס וועלן וואוינען אין די פרישע הייזער.

נאכדעם וואס מען האט דאס אויך צוגעשטעלט און געוויזן אז דער אייבערשטער טוט צושטעלן גענוג וואסער פאר יעדן איינעם, האבן זיך נישט געשעמט ווייטער זיך ארויסצודרייען מיט נארישע תירוצים, וואס האט געהויבן ברעמען פון יעדן איינעם זעענדיג די זינלאזע תירוצים מיט וואס זיין דרייען זיך ארויס.

יעצט נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען האבן נאך הייזער פאר אנשי שלומינו וואס ווארטן שוין אזוי לאנג צו קומען וואוינען אינעם הייליגן ברסלב'ן שטעטל - קומט אריין די פרייליכע נייעס אז די באאמטע האבן זיך געבראכן און געגעבן ערלויבעניש צו אנהייבן בויען נאך הייזער.

א אינטערסאנטע זאך האט זיך אפגעשפילט ביים לעצטן טאון מיטינג ווען עס האט געפעלט איינע פון די באאמטע וואס אן אים האט מען נישט געקענט באקומען די ערלויבעניש פאר די הייזער, ער האט זיך פרובירט צו פארבינדן עלעקטראניש אבער עס האט עפעס נישט געארבעט. די געטרייע הנהלה מעמבערס וואס זענען אנוועזנד געווען ביים מיטינג האבן שטילערהייט געריסן תפילות אז מען זאל יא קענען באקומען די פערמיטן, און מען זאל נישט ארויסגיין נאכאמאל מיט ליידיגע הענט נאכדעם וואס ס'איז שוין אזויפיל מאל אדורכגעפאלן, ביים סוף האט די נס פאסירט און זיין פארבינדונג איז אדורך בשלום און ער האט געקענט מיטהאלטן דעם מיטינג און געגעבן די ערלויבעניש וואס האט נאך פון אים אויסגעפעלט.

די שטחים וואו מען גייט בויען פרישע הייזער זענען ווי פאלגענד; איינס איז אויף די רעדקליף גאס, ביים שטח וואו עס איז געווען די פארם א צייט צוריק.

אויך גייט מען בויען נאך א גרויסע דעוועלאפמענט פון פרישע דירות אויף די טווין ברידזש גאס, הארט נעבן די אכט הייזער וואס איז געבויעט געווארן פאר א יאר צוריק, דארט וועט זיין פארשידנארטיגע דירות, עס וועט זיין אפאר גרעסערע דירות וואס וועט פארקויפט ווערן לויט די ליסטע וואס דער ראש ישיבה האט, אויך וועט געבויעט ווערן אסאך פורניש"ד חתן כלה דירות, וואס וועט זיין ספעציעל אהערגעשטעלט פאר פרישע קאפלס מיט אלעס וואס א דירה דארף צו האבן, ווי למשל בעטן, טיש און בענקלעך, פרידזשידער, אויוון און אזוי ווייטער, כדי צו קענען זיך אריינציען אן דארפן אויסגעבן ריזיגע געלטער וואס נישט יעדער האט בשעת מען מאכט חתונה א קינד.

אויך גייט מען בויען נאך א דירה אויף די גארדן הויז גאס, און נאך אפאר דירות אויף האשקי ביים ווינקל פון די שטיגליץ גאס.

לאמיר נישט פארגעסן פאר קיין איין רגע אז דאס אלעס איז נאר צושטאנד געקומען ווייל מיר וייסן פון די לעכטיגע עצה פון רעדן צום אייבערשטן, און דאס האבן אנשי שלומינו געטון, מען האט געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין פרישע דירות אין שטעטל, און תפילה העלפט אזוי ווי מען קען דא זען באשיינפערליך.

עס איז צום האפן אז דאס וועט ברענגען חיזוק אויף תפילה פאר אלע אנשי שלומינו, צו זען אז ווען מען בעט דעם אייבערשטן העלפט דער אייבערשטער, ביים אייבערשטן איז נישט קיין חילוק צו מען בעט א קלייניקייט אדער גאר אזא גרויסע זאך ווי א הויז.

# היכל הקודש
# נייעס

וויליאמסבורג

## געפראוועט די פערטע סיום הש"ס!



יא גוט געלייענט! די פערטע סיום הש"ס פון האברך ר' מרדכי ראזענפעלד הי"ו איז געפראוועט געווארן פארגאנגענעם דינסטאג שלח. ר' מרדכי וואס איז שוין א תלמיד פונעם ראש ישיבה פון 15 יאר צוריק, נאך ווען דער ראש ישיבה איז געווען א מלמד, פון דעמאלט האט ער געהערט דרשות פון די וויכטיגקייט פון לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, נישט קיין חילוק צו מען פארשטייט דאס לערנען אדער נישט, ר' מרדכי האט זיך צוגעכאפט דערצו און האט זייט דעמאלט זוכה געווען אדורכצולערנען פיר מאל גאנץ ש"ס.

א שיינע סיום הש"ס איז געפראוועט געווארן ביי ר' מרדכי אינדערהיים וואו ער האט געלאדענט דעם ראש ישיבה מיט נאך חברים אנשי שלומינו, עס איז סערווירט געווארן א פולע מעניו לכבוד די גרויסע סיום, דערנאך האט מען געזינגען צוזאמען ניגונים פון די זיסקייט פון תורה, ביים סוף האט מען געהאט די זכי' צו הערן דיבורים פונעם ראש ישיבה וואס האט ארויסגעברענגט זיין התרגשות וואס ער האט ווען ער זעהט אז א אינגערמאן וואס ארבעט שווער א גאנצן טאג רייסט זיך אוועק פון זיין צייט און לערנט יעדן טאג בלעטער גמרא, און דאס דארף אויפוועקן יעדן איינעם אז מען קען דאס באווייזן, און יעדער איינער אויף זיין וועג קען זוכה זיין צו ענדיגן ש"ס איינמאל און נאכאמאל.

ליבערטי

## געשלאסן מקח אויף א נייע היכל הקודש קאנטרי מיט'ן נאמען "אילן החיים"

גאר גוטע נייעס קומט אריין אז מען האט פארגאנגענעם וואך געשלאסן מקח אויף א הערליכן קאנטרי הארט נעבן דעם ברסלב'ן שטעטל, וואס דאס וועט ערמעגליכן די משפחות אנשי שלומינו וואס וואוינען א גאנץ יאר אין שטאט - ארויסצוקומען אויף די זומער טעג, און צוזאמען פארברענגען מיט חברים פון אנשי שלומינו און זיך מחזק זיין אינאיינעם פאר די ניין זומער וואכן.

פון ווען עס האט זיך געעפענט די ישיבה אין יאר תשס"ט, איז מען ארויס יעדעס יאר זומער אין קאנטרי, סיי די בחורים און אזוי אויך די משפחות, די ערשטע יאר איז עס געווען אויף א קליינע פארנעם, צוביסלעך איז דאס יעדעס יאר געווארן גרעסער, געוויסע יארן האבן נישט צופיל משפחות געקענט קומען צוליב דעם וואס ס'איז פשוט נישט געווען גענוג באנגעלאוס, אבער אלץ האט מען פרובירט זיך ארייינצושטיפן די קאפ און מיטהאלטן וויפיל עס איז געווען מעגליך, אפילו נאר אויף א שבת.

די לעצטע צוויי יאר פון ווען די שטעטל איז שוין געווען אן אראפגעשטעלטע פלאץ מיט א בית המדרש און מקוה און אזוי ווייטער, איז דער ראש ישיבה מיט די בחורים געקומען אויף זומער אין שטעטל, אנשי שלומינו וואס וואוינען אין שטאט האבן געדינגען דירות אין שטעטל וויפיל עס איז געווען מעגליך, מען האט אריינגעלייגט משפחות אין יעדן לעכל, אין יעדן פלאץ וואס מען קען נאר טראכטן אז דאס קען ווערן אנגערופן א דירה - האט מען דארט פלאצירט א משפחה, וואס האט אבער פאסירט איז, אז נישט יעדער האט געהאט פלאץ, במילא האט מען אנגעהויבן גיין אין אנדערע קאנטרי'ס, דאס האט גאר שטארק געשטערט פאר'ן ראש ישיבה, צו זעהן אז תלמידים וואס האבן געלערנט אין ישיבה, און דערנאך האט זיי דער ראש ישיבה חתונה געמאכט, און ווען עס קומט זומער זיצט מען ניין וואכן אין א קאנטרי וואס די סביבה איז נישט די בעסטע (מילד גערעדט), און ווי חז"ל זאגן אז א מענטש ווערט נאכגעשלעפט נאך די סביבה, אויב די חברים ארום טרינקען זיך אן יעדן שבת הייבט מען אויך אן טרינקען, אויב די סביבה מאכט ליצנות פון צדיקים, הייבט מען אויך אן צוביסליך האלטן אזוי.

צוליב די סיבה האט דער ראש ישיבה זיך ארייינגעווארפן אין דעם גרויס'ן פראיעקט פון אפקויפן א קאנטרי פאר די סכום פון כמעט צוויי מיליאן דאלער, אלעס צוליב דעם איינעם צוועק, אז אנשי שלומינו זאלן האבן א ריינעם ווינקל וואס מען וועט רעדן נאר א איידעלע שפראך, מען וועט רעדן פון עצות וואס די צדיקים לערנען אונז און אזוי ווייטער.

עס איז ערווארטעט מיטן אייבערשטענ'ס הילף צו זיין א שיינעם געשמאקן זומער, ווי מען וועט זיך מחזק זיין אינאיינעם צו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה**

# "מעשיות פון תפילה"



## אברהם יצחק אייזנער - וויליאמסבורג:

איך האב פארלוירן מיינע שליסלעך, וויכטיגע שליסלעך פון מיין קאר און נאך וויכטיגע שליסלעך. איך האב עס געזוכט אין יעדע פלאץ ווי איך האב געטראכט אז ס'קען ליגן אבער אן ערפאלג, איך האב עס נישט געקענט טרעפן.

האב איך זיך דערמאנט אז איך קען זוכן און זוכן ווי לאנג איך וויל אבער אויב איך בעט נישט דעם אייבערשטן וועל איך עס נישט טרעפן, ווייל וואס דער אייבערשטער וויל איז נאר מ'זאל רעדן צו אים און אים בעטן אלעס וואס מען דארף.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טרעפן מיינע שליסלעך, איך דארף עס האבן צו קענען אריינגיין אין אפיס מארגן און אויך מיין קאר שליסל." יא! די וואונדער פון תפילה איז געשען ווען איך האב "פונקט" געגעבן א רוק עפעס א שאנק אינדערהיים און די שליסלעך זענען ארויסגעפאלן. שכח אייבערשטער!

## זלמן וויזל - ירושלים:

איך בעט דעם אייבערשטן פאר א לאנגע צייט שוין אז איך זאל אויפגעראכטן ווערן און טרעפן מיין שידוך, ווערן א 'גאנצער מענטש'.

איך האב געטון די סגולה פון מוהרא"ש צו גיין קיין יבניאל און אויסזאגן תהילים לעילוי נשמתו. שכח אייבערשטער אז יעצט בין איך א חתן געווארן בשעה טובה.

שכח הייליגער באשעפער פאר די מעכטיגע מעשה פון תפילה.

## מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב:

ס'איז געווען אנפאנג יאר ווען דער ראש ישיבה האט מיך געזאגט אז ער וויל איך זאל אריינגיין אין די זאונינג באורד פון די טאון און ליבערטי.

פון דעמאלט בעט איך דעם אייבערשטן אז איך זאל טאקע אריינגיין אין די באורד.

נאך א שטיק צייט האט די באורד ארויסגעלייגט אז זיי דארפן האבן צוויי נייע מעמבערס, איך האב אריינגעגעבן אז איך וויל ווערן א באורד מעמבער און איך האב געווארט מען זאל מיך רופן פאר אן אינטערוויו, ס'איז אריבער צוויי דריי חדשים ווען איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען פאלגן דעם ראש ישיבה.

איין טאג זע איך אז די באורד האט ארויסגעלייגט אז זיי דארפן נאר איין מענטש, און אויך איז געשטאנען אז עפעס א גוי האט אויך איינגעגעבן אז ער וויל אריינגיין אין די באורד.

איך האב פארשטאנען אז די חברה אין די באורד שמעקט זייער נישט אז א איד וויל אריינקומען, במילא האבן זיי פארשאפט א גוי וואס זאל מסכים זיין אריינצולייגן זיין נאמען אזוי דארף מען נישט מיך אויפנעמען.

איך האב אבער ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך וויל נאר אריינגיין אין די באורד ווייל דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט איך זאל אריינגיין אהין, העלף מיר איך זאל יא ווערן אנגענומען".

ס'איז אריבער נאך א חודש ווען איך זע איין טאג אז איין גוי פון די באורד איז געשטארבן און זיי זוכן דעפאר יא נאך א מענטש, יעצט איז נאר געבליבן מיר צו נעמען, און אזוי האט טאקע פאסירט, זיי האבן מיר גענומען צו ווערן א חלק פון די באורד.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט פאלגן דעם ראש ישיבה.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַז דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִיר וַוייל נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן שֵׁיין מִיט אִיר וְכוּ', אוֹיבּ זִי וֶועט מַסְכִּים זַיין דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי אַרַיינְשִׁיקְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אַז זִי אִיז שְׁטַארְק מִיט אִיר וֶועג וְכוּ' אוּן זִי וִויל נִישְׁט הֶערְן פוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער מִיט גֶעוַואלְד.

**מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְווִינְגֶען אַ וַוייבּ**, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, דָאס לֶערְנְט מֶען אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הַרַ"ן, סִימָן רסד).

זֶע צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג וְכוּ'; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַזַא טַאלַאנְט, דוּ בִּיסְט אַ שְׁרַייבֶּער, זָאלְסְטוּ דָאס נוּצְן בִּקְדוּשָּׁה, **פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר'ן הֲמוֹן עַם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

* * *

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז **דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת.**

אִיוּב הָאט גֶעזָאגְט (אִיּוֹב ה, ז): "**אָדָם לְעָמָל יוּלָד**", יֶעדֶער אֵיינֶער בְּזֶה הָעוֹלָם מוּטְשֶׁעט זִיךְ, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת יז.): "**אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה**", ווַאוּיל אִיז דֶעם וָואס לֵייגְט אַרַיין דִי מִי אוּן פְּלָאג אִין דִי תּוֹרָה אָדֶער אִין בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פַאר אִים **אַ זְכוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.**

קוֹדֶם זָאל אַלֶעס זַיין מְסוּדָר אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זָארְגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגְל קֶעמְפּ.

# א שיחה
פון דער
ראש ישיבה שליט"א



## אַיינְוִויגְן דִי קִינְדֶער מִיט נִיגוּנִים

אֵיין יָאר זוּמֶער הָאט אֵיינֶער אָנְגֶעפְרֶעגְט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א **וֶועגְן אַיינְוִויגְן דִי קִינְדֶער מִיט נִיגוּנִים וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, וֶוען מֶען קֶען אַרִיבֶּערְהֶערְן בַּיים שָׁכֵן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעעֶנְטְפֶערְט:** בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ קֶענְט אִיר זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיר דַארְפְט נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין אוֹיף קוֹל בְּאִשָּׁה אוֹיבּ מֶען קֶען אַרוֹיסְהֶערְן, חוּץ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶעסְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִינְגֶען אוֹיפְן קוֹל, אָבֶער וֶוען אִיר זֶענְט אַלֵיינְס אִין שְׁטוּבּ מִיט אֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער זָאלְט אִיר וַוייטֶער זִינְגֶען פַאר אֵייעֶרע קִינְדֶער קְרִיאַת שְׁמַע אוּן נָאךְ נִיגוּנִים.

דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס גֶעפִירְט צוּ אַיינְוִויגְן דִי קִינְדֶער מִיט שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים, נִיגוּנִים וָואס אַ קִינְד הֶערְט פוּן דִי מַאמֶע הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ אוֹיפְ'ן קִינְד אַז דָאס בַּאגְלֵייט זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא (חוּלִין כד:) אַז בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פוּס אוּן אָנְטוּן דִי שִׁיךְ אוּן אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ פוּן דִי אַנְדֶערֶע פוּס, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "**חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסָּכַתְנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי הֵן עָמְדוּ לִי בְּעֵת זִקְנוּתִי**", דִי וַוארֶעמֶע וַואסֶער אוּן דִי אוֹיל וָואס מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁמִירְט אוּן גֶעוַואשְׁן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן דָאס הֶעלְפְט מִיר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר (דִּבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ט, סִימָן נג) אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט בְּפַשְׁטוּת וַוארֶעמֶע וַואסֶער מִיט אוֹיל, נָאר דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט פוּן זַיין מַאמֶע, אוּן דִי אוֹיל - דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן זַיין מַאמֶע - דָאס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן; אַז אַ מַאמֶע לֵייגְט אַרַיין וַוארֶעמְקֵייט אִין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים הֶעלְפְט דָאס מֶען זָאל אַ גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

# א מעשה
## פון א צדיק



### גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק'ל קַאלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אוּן צוּשְׂפְּרֵייט חַסִידוּת אִין אוּנְגַארְן, אוּן מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר אִידְן דוּרְךְ זַיין כֹּחַ הַנְגִינָה.

עֶר הָאט גֶעהַאט צְוֵויי תַּלְמִידִים, רֶבִּי יוֹזְפָּא אוּן רֶבִּי מִיכָאֵל - בַּאקַאנְט אַלְס דִי אַחִים הַקְדוֹשִׁים פוּן נַאנַאשׁ, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר מוֹרָא'דִיגֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, [וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיק'ל קַאלוּבֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי הֵיילִיגֶע אָשְׁוַוארֶער חֶבְרַיָא].

וֶוען רֶבִּי אַייזִיק'ל קַאלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, זֶענֶען דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ רֶבִּי'ן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶעהְן זַיין עֲבוֹדָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן וִוי עֶס קוּמְט אַרַיין אַ אִיד, אוּן וֵויינְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁוֶוערֶע תִּיקוּן פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִגוּפִים פוּן סֵפֶר רוֹקֵחַ אוּן סֵפֶר הַקָנֶה, אָבֶער - פִּירְט דֶער אִיד אוֹיס מִיט אַ גֶעוֵויין - אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעטוּעֶן אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת אַז אֲפִילוּ אִיךְ זָאל לֶעבְּן אָדָם הָרִאשׁוֹן'ס יָארְן וֶועט דָאס נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גֶענוּג וִויפִיל אִיךְ דַארְף צוּ פַאסְטְן.

זָאגְט אִים דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֶעץ דִיךְ אַוֶועק; אוּן פַאנְגְט אִים אָן מַסְבִּיר צוּ זַיין: דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז אַ מַלְאַךְ אֱלֹקִים, אוּן אַ מַלְאַךְ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, מְמֵילָא הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִינְדִיגְן, אוּן אַז מֶען הָאט יָא גֶעזִינְדִיגְט דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן דֶעם תְּשׁוּבַת הַקָנֶה וְכוּ'! אָבֶער אִיךְ זָאג דִיר - פִּירְט דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב אוֹיס - זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן גוּט צוּ עֶסְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶער תִּיקוּן פוּן זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. וִוי נָאר דֶער אִיד הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אַוֶועק גֶע'חַלֶשְׁ'ט, וַוייל דָא הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעגֶעבְּן אַזַא שְׁוֶוערְן תִּיקוּן, אוּן דָא גֶעבְּט אִים דֶער רֶבִּי אַזַא גְרִינְגֶע תִּיקוּן.

דִי צְוֵויי בְּרוּדֶער הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעקוּקְט פוּן דֶער זַייט אוּן הָאבְּן גֶעלַאכְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי: רוֹצְחִים וָואס אִיר זֶענְט, אַ אִיד הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט אוּן אִיר לַאכְט?! בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען אִים דֶערְמוּנְטֶערְט אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט פַארְן רָאפְּשִׁיצְן רָב אוּן גֶעזָאגְט: רֶבִּי, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעלַאכְט וֶועגְן דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט חַס וְשָׁלוֹם, נָאר מִיר הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן שִׂמְחָה אַז 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי' וַוייל מִיר גֵייעֶן אַרוּם זוּכְן אַ רֶבִּי, אוּן מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶעצֶער, אוּן דָא הָאבְּן מִיר גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס קֶען אַרַיינְגֶעבְּן אַזַא חַיוֹת אוּן מַמָשׁ אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אַ אִיד וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אוֹיבּ אַזוֹי הָאבְּן מִיר שׁוֹין אַ רִיכְטִיגֶער רֶבִּי!

(קונטרס "איך וויל בלייבן צווישן אייך")



# דעם רבי'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 37

**פארזעצונג פון פריער:** דִי גְרוֹיסֶע גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעלֶעבְּט בַּיים אַהֵיימְפָארְן, אִיז מַמָּשׁ אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיךְ. זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַן אַרַאבִּישֶׁער קְרִיגְ'ס שִׁיף, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צְוֵויי אִידְן. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען, וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען זַיין אַ אִיד אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְוֹת.

...

גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי הַשָּׂגָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַאכְט פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ צוּ דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט רַאדִישׁ, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיף אַן אִינְזְל אִין יַם, אוּן דָארְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע קְהִלָּה. זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז דָארְט אִיז אַ אִידִישֶׁע שְׁטָאט, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז זֵיי וֶועלְן דָארְט קֶענֶען קוֹיפְן מַצוֹת אוּן פִיר כּוֹסוֹת אוֹיף פֶּסַח.



**די שטאט ראדיש אויפן וואסער היינטיגע צייטן**

זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלוֹיבְּן אַז דֶער קַאפִּיטַאן מִיט דִי אַרַאבֶּער וֶועלְן זֵיי עֶרְלוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דֶעם שְׁטָאט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז מְ'וִויל זֵיי פַארְכַאפְּן, אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ זֵיי פַארְקוֹיפְן פַאר קְנֶעכְט.

אוּם פְרַייטָאג, י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, אִיז דֶער קַאפִּיטַאן גֶעפָארְן מִיט עֶטְלִיכֶע אַרַאבֶּער אִין אַ קְלֵיין שִׁיפְל צוּ דִי שְׁטָאט רַאדִישׁ. דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם קַאפִּיטַאן אַז זֵיי דַארְפְן בְּרוֹיט, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט סִימָנִים מִיט דִי הֶענְט, אוּן דֶער קַאפִּיטַאן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם וֶועג אַז סְ'אִיז דָא דָא אִידְן אוּן זֵיי וֶועלְן דָא קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט צֶעמִישְׁט דֶעם מוֹחַ פוּן דֶעם קַאפִּיטַאן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אַרוֹיס פוּן מוֹיל אָן טְרַאכְטְן אַז עֶר וֶועט מִיטְנֶעמֶען אֵיינֶעם פוּן זֵיי אִין שְׁטָאט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט. דֶער בַּאגְלֵייטֶער פוּן רֶבִּי'ן, ר' יִצְחָק, אִיז טַאקֶע גְלַייךְ מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיין אַרַאבֶּער אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען צוּ הִיטְן עֶר זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן.

דֶער וֶועג צוּם שְׁטָאט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה, אוּן מְ'הָאט זִיךְ גְרִינְג גֶעקֶענְט אַרוֹיפְכַאפְּן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ שְׁפִּיָאן, וַוייל מְ'הָאט גְרִינְג דֶערְקֶענְט עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אָרְטִיגֶער אַיינְווֹאוֹינֶער, נָאר פוּן גָאר אַ וַוייטֶער לַאנְד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע טוֹיעֶרְן אוּן וֶועכְטֶער בְּשָׁלוֹם, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם חָכָם הַכּוֹלֵל אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס סְ'הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, אוּן אַז זֵיי זֶענֶען פַארְכַאפְּט אוֹיף אַ מִלְחָמָה שִׁיף.

עֶר הָאט אַלֵיין נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס צוּ זָאגְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער קַאפִּיטַאן ווִיל טַאקֶע טוּן מִיט זֵיי, אַזוֹיפִיל הָאט עֶר אִים אָבֶער גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען כִּמְעַט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַ סַכָּנָה.

בַּיי ר' יִצְחָק הָאט יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אוֹיסְגֶעזֶען וִוי לַאנְגֶע שָׁעוֹת, דֶער חָכָם הָאט אָבֶער נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי מִלְחָמָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן אַלֶע נֵייעֶס וָואס גֵייט פָאר, אוּן עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט בַּארוּאִיגְט ר' יִצְחָק אַז עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אוּן ר' יִצְחָק הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר.

ר' יִצְחָק הָאט גֶעפְּלַאנְט צוּ קוֹיפְן דָארְט מַצוֹת אוּן וַויין אוּן צוּרִיק גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן שִׁיף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אָבֶער אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אִין קָאפּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַכְסַנְיָא אִין טְבֶרְיָה הָאט עֶר דָארְט גֶעהֶערְט פוּן ר' צְבִי הַארְקֶער אַז זַיין וַוייבּ אִיז פוּן אַ סְפַרְדִ'ישֶׁע מִשְׁפָּחָה אוּן זִי אִיז אַ גְרוֹיס מְיוּחֶסֶת, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אַ בְּרוּדֶער אִין רַאדִישׁ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן צַדִּיק.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## שבת הגדול תשפ"ב

אזא מעשה פון תפילה!" נאכן לייענען יעדע וואך די "סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א" דא אינעם בלעטל האב איך אנגעפאנגען בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויך זוכה זיין צו מיטהאלטן א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א, און שכח אייבערשטער אז די פארגאנגענעם שבת הגדול האב איך געקענט מיטהאלטן די סעודה שבת ביינאכט ביים ראש ישיבה.

ביי די סעודה האב איך זיך געפילט ממש ווי אין גן עדן! איך וועל פרובירן אראפשרייבן אפאר שיינע שיחות פון די ליכטיגע סעודה וואס איך האב זוכה געווען צו הערן.

### אמונת חכמים

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געהאט זייער א טייערע באבע, א גרויסע צדיקת, און זי האט געהאט גאר א שטארקע אמונת צדיקים. איר מאן פלעגט גיין צום הייליגן סאטמאר רבי'ס טיש יעדע וואך, איינמאל ווען ער איז געגאנגען נעמען שיריים האט אים דער רבי געפרעגט פארוואס ער קומט נאכאמאל, ער איז שוין פריער געקומען נעמען שיריים, האט ער געענטפערט אז זיין ווייב האט פארגעסן צו קאכן פערפל, וויל ער נעמען אביסל שיריים אויך פון די פערפל.

דער הייליגער רבי האט זיך זייער פארוואונדערט און אויסגערופן: "פערפל, פארגעסן?!" ווען ער איז אהיים געקומען און דערציילט פאר זיין ווייב וואס דער רבי האט געזאגט. פון יענע וואך ווען זי האט דאס געהערט האט זי זייער אכטונג געגעבן צו מאכן יעדע וואך פערפל, און נישט נאר דאס, נאר זי האט מער נישט געקויפט קיין פערפל נאר זי האט אנגעהויבן אליינס צו מאכן די פערפל, זי האט אליינס געמאכט די טייג, עס צושניטן אויף קליינע שטיקלעך, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די שטארקע אמונת צדיקים וואס זי האט געהאט, אז די רבי' האט זיך נאר אנגערופן איין ווארט "פערפל פארגעסן?!" און פון דעמאלט און ווייטער האט זי עס אלעמאל געדענקט און א גאנצע וואך איז זי געווען פארנומען מיט דעם.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ווען מען פלעגט ארויפקומען צו איר האט זי אלס מכבד געווען מיט א טעלער פערפל און פארציילט די מעשה, צו ווייזן וואס מיינט א ווארט פון א צדיק.

### נישט זיך קריגן מיט א צווייטן

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז מיט יעדע מצוה וואס מען טוט ווערט באשאפן א מלאך, און די אלע מלאכים וואס מען האט באשאפן א גאנצע וואך קומען יעצט שבת ביינאכט און זיי ווילן זען ווי אזוי מען פירט זיך אויף, דארף מען זיך אויפפירן זייער וואויל.

אינמיטן זינגען זמירות האבן זיך צווויי פון דער ראש ישיבה'ס קינדער געקריגט אויף א בענקל, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר דעם עלטערן אז ער זאל מוותר זיין, ווייל די אנדערע קינד איז נאך קליין.

דער ראש ישיבה האט פארציילט הויך פאר זיין ווייב אויף איינער פון די קינדער אז אפילו ער האט איבערגעלאזט זיינע צעטעלעך אין חדר איז ער נאך אלס געבליבן פריילך. דער ראש ישיבה האט אים אויסגערימט אז ער איז א הייליגע נשמה, ווען מען האט אים געפרעגט וואס ער גייט בעטן פאר אפיקומן האט ער געזאגט אז ער דארף פאר אפיקומן דער אייבערשטער, ער וויל זיין נאנט צום אייבערשטן.

### הנהגות ביים קידוש מאכן

מען האט געקויפט הדסים לכבוד שבת אבער מען האט עס פארגעסן צו אהיימברענגען, האט מען געשמעקט בשמים און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל אז שבת הגדול איז ביי יעדעם איבערגעדרייט די טיש, ביי אונז איז דאס איבערגעדרייט, אנשטאט שמעקן הדסים שמעקט מען בשמים.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה צוגערופן אלע קינדער און זיי געזאגט אז זיי זאלן גוט קוקן וואס דער ראש ישיבה טוט, אזוי וועלן זיי וויסן וואס צו טון נאך די חתונה.

דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן אז פאר מען מאכט קידוש דארף מען אריינגיסן פונעם בעכער אריין אין די באטל דריי טראפנ'ס וואסער, אנטקעגן חכמה, בינה, און דעת. דערנאך ווען מען פילט אן די בעכער מיט גרעיפ

<<<<

דשוס גיסט מען פיר מאל, אנטקעגן די פיר אותיות פון די אייבערשטן'ס נאמען.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט קידוש, און געטיילט פאר יעדעם גרעיפ דשוס. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער צו די סינק און זיי געוואשן און זיי געהאלפן מאכן די ברכה.

**בזיונות ברענגט ישועות**

אינמיטן עסן האט דער ראש ישיבה פארציילט אויף עפעס א אינגערמאן אז ער האט געהאט די וואך גאר גרויסע בזיונות, איינער האט געכאפט א בילד ווי ער גייט הפצה און עס ארומגעשיקט שרייבנדיג אז דער איד פארשפרייט מיסיאנערישע ביכלעך. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר צווי יונגעלייט וואס ווארטן שוין לאנג פאר קינדער, אז ווען זיי טרעפן אים זאלן זיי צוגיין בעטן א ברכה פון אים.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך איז ער געגאנגען צו א חתונה, אנקומענדיג אינדרויסן פון די זאל איז געשטאנען דארט א גרופע עלטערע בחורים און זיי האבן געווינקען פאר דער ראש ישיבה זאל קומען צו זיי. אבער ווי נאר דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו זיי, האבן זיי אנגעפאנגען צו לאכן און לאכן ווי דאס וואלט געווען די גרעסטע וויץ. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך וואלט נישט אהינגעגאנגען צו זיי, נאר פאר א רגע האב איך געטראכט אז אפשר דאך וועל איך זיי קענען ברענגען צום אייבערשטן, אפשר דאך וועל איך זיי קענען מאכן זאגן משניות."

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט מיט די מעשה אז יעדן טאג האט ער בזיונות, מענטשן שרייען אים נאך, אבער ער איז שוין צוגעוואוינט צו דעם. אבער די וואך האט דער ראש ישיבה געהאט גאר א שטארקע בזיון, איינער וואס האט אים זייער שטארק פארשעמט און אנגעשריגן, און נאכדעם האט ער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, און אויסגע'פועל'ט ישועות.

יעצט נאך זיין פטירה איז אים שוין גוט, ווייל ער האט געלערנט אסאך משניות, ער האט משמש געווען א צדיק אן קיין אינטערעסן, און ער האט געטון חסד פיר און צוואנציג שעה א טאג. וואס נאך דארף א מענטש? נאר דאס נעמט מען מיט.

**וואס נעמט מען מיט?**

מען האט געזינגען זמירות און דערנאך האט מען אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה האט געהאלטן דעם קליינעם יחזקאל און אים געפיטערט.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון ר' יצחק ראזנבערג ז"ל וואס איז יעצט אוועק: "יעצט נאך זיין פטירה איז אים שוין גוט, ווייל ער האט געלערנט אסאך משניות, ער האט משמש געווען א צדיק אן קיין אינטערעסן, און ער האט געטון חסד פיר און צוואנציג שעה א טאג. וואס נאך דארף א מענטש? נאר דאס נעמט מען מיט."

**ווייב און קינדער לויפן אנטקעגן**

מען האט אריינגעברענגט די פלייש, און נאכדעם האבן אנגעפאנגען ארויפצוקומען מענטשן צו די באטע.

מען האט געשמועסט וועגן מענטשן וואס האבן א הונט אינדערהיים, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז א הונט איז די געטרייעסטע באשעפעניש פאר א מענטש. א הונט וועט זיך לאזן הרג'ענען צו באשיצן זיין בעל הבית.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה פון די גמרא (ירושלמי תרומות ח, ג:) ס'איז געווען א תנא וואס ווען ער האט געמאכט א סעודה פלעגט ער ארויפזעצן זיין הונט אויבן אן, אלס הכרת הטוב ווייל די הונט האט אים אמאל געראטעוועט זיין לעבן.

א בחור וואס איז דארט געווען האט זיך אנגערופן אז עס איז א געשמאקע געפיל פאר א מענטש ווען ער קומט אהיים און זיין הונטל לויפט אים אנטקעגן, ער פילט ווי איינער האט געווארט פאר אים. האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "און וואס האסטו מורא אז דיינע קינדער זאלן דיך אנטקעגן לויפן ווען דו קומסט אהיים? און וואס איז שלעכט אז דיין ווייב קומט דיך אנטקעגן?"

ש'כח אייבערשטער פאר אזא הערליכע סעודה! דאס איז נאר אפאר שיינע שיחות וואס איך געדענק, אבער די פריילעכקייט און די אנגענעמע אטמאספער דארט ביי דער ראש ישיבה'ס סעודה, איז עפעס וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**
**917-474-6118**

---

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

---

איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

---




---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.
און צוריק ביינאכט
מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
**ברוך אפעלדארפער**
914-705-9524

---

## טיש און בענקלעך גמ"ח

אויב דארפט איר האבן טיש און בענקלעך פאר א שמחה און דאס גלייכן.

רופט משפחת פינטער
347-415-2888

---

## בשורה טובה!

ס'איז אונז געלונגען צו שאפן א פוס דאקטאר וואס וועט אראפקומען אין שטעטל, פאר קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע orthopedic wear

אויב איר ווילט זיך איינשרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00

די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

## Buy & Save - שטעטל באזאר

**This week promotion:**

**Everything on shelves free**

**Baby hats, socks, leggings, short pants, linen, small pillows, and more**

## SPIFF CUTS

Haircuts for girls

Amazing prices on wash and sets

Call now to book your appointment

Libby Einhorn
929-214-9346

## Baby Gemach

Car seats, pack & play for newborns and toddlers, twin carriage, single stroller and more

Call Mishpachas Berenbaum
**347-543-8313**

D&S APPLIANCES

אייער פריינד
דודי לאקס

רופט
718-938-8605

KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com



## ארבעטס פארמיטלונג

זוכט איר ארבעט, אדער זוכט איר א ארבעטער?
רופט אונז אן און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע ארבעט אדער ארבעטער וואס מעגליך בעזרת השם.

רופט שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

# ענטפערס פון פאריגע וואך




## ווער זענען זיי?

### פון רעכטס צו לינקס

## מחנה היכל הקודש - זומער תש"ע

1. משה יודא עקשטיין
2. שלמה רוטה
3. אברהם יצחק לעבעוויטש
4. אברהם יושע וועבערמאן
5. פנחס דוד וועבערמאן
6. דוד מאיר לעבעוויטש
7. יונתן שווארץ
8. יעקב הלל פארקאש
9. יוסף שניטצלער
10. אלימלך גראס
11. אהרן וועבערמאן
12. חיים עקשטיין
13. נפתלי זאבעל
14. יעקב לעסער
15. שבתי מזרחי
16. אייזיק אפפעל
17. אליעזר הירשפעלד
18. אליעזר שמן
19. אברהם משה שטראססער
20. מרדכי אהרן היילפרין

# וואו און ווער זענען זיי?




## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנג

## זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס

רֶבִּי נָתָן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַזוֹי גֶעלַאסְן, עֶר גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן אַבִּיסְל חִזּוּק; עֶר שְׁמֶעקְט אַ שְׁוֶועֶרֶע גֶערוּךְ, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן פֵייעֶר, עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ 'פוּן וואוּ קוּמְט דֶער גֶערוּךְ?' עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע רוֹיֶעךְ אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי פֶּענְסְטֶער פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן: "פֵייעֶר! פֵייעֶר! אוֹי וֵויי! עֶס בְּרֶענְט!! וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!"

רֶבִּי נָתָן לוֹיפְט אַרַיין מִיט אֵיין אָטֶעם, עֶר זֶעט וִוי דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט רוֹיֶעךְ, דֶער גַּבַּאי הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אַ קוּגְל אוֹיפְ'ן פֵייעֶר אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז דִי שְׁוַוארְצֶע רוֹיֶעךְ. רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי פַארְבְּרֶענְטֶע קוּגְל אוּן טְרָאגְט עֶס אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר עֶפְנְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס כְּדֵי דִי רוֹיֶעךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן גֵייט קוּקְן וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, אֶפְשַׁר שְׁלָאפְט דֶער רֶבִּי.



**דֶער גַּבַּאי כַאפְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע דְרִימְל**

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס שְׁלָאף צִימֶער אוּן זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, עֶר פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף, דֶער רֶבִּי שְׁלָאפְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן דֶעם גַּבַּאי'ס נָאמֶען אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קוּגְל פוּן פֵייעֶר? פַארְוָואס לִיגְט דֶער רֶבִּי אִין בֶּעט שְׁטִיל?"

דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: "וֶוען מֶען רוּפְט אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען הֶעכֶער, אוּן וֶוען יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט זָאגְט מֶען נָאךְ הֶעכֶער, בִּיז מֶען שְׁרַייט אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם; אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן זַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קוּק וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ וִוי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן צוּקוּמֶען צוּ כַּעַס; עֶר אִיז עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן גֶעלַאסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע עֶסְן וִוי אֵיידֶער צוּקוּמֶען זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן שֵׁיין: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְקוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיר".

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

פלוצלונג א ברסלב'ער, א קליינע ספר, פונקט
פאר מיר, געברענגט צו מיין טיר. געטווישט
מיין לעבן, עצות געגעבן, אלעס איז גרינגער,
איך בין רואיגער

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | ב | מ | ר | ע | ג | י | א | ו | ר | ל | ג | ג | ל | ש | א | ד | ר | ר | י | מ | ס | ב | ר | ו |
| ר | כ | ל | נ | ע | ת | צ | כ | ש | ב | ס | ו | צ | צ | ט | ב | ט | ע | א | ג | ש | ע | ס | צ | ת |
| א | נ | ג | ת | ש | ב | ל | ע | ד | ס | ז | ג | ג | ס | י | ת | ט | י | פ | ה | ו | נ | ע | ח | ז |
| ו | ל | ק | ר | ט | ע | ל | ו | ז | ס | ח | ל | ח | א | א | ר | מ | ה | ד | ר | ח | ת | ל | כ | י |
| ש | ג | ק | צ | פ | י | ל | ס | ב | י | ר | ו | ז | פ | י | ת | ת | ה | ב | ס | ר | ק | א | צ | ר |
| מ | ע | ה | ח | ז | ע | כ | ת | ר | ק | ת | פ | ל | י | מ | ס | פ | כ | ע | ג | י | ד | פ | פ | נ |
| ג | ב | ע | ז | ג | ק | ר | ה | כ | ב | ב | ו | צ | ד | פ | פ | מ | י | מ | ב | י | א | י | ס | ע |
| ע | ר | ב | ט | ט | ג | ר | נ | ע | ו | צ | ט | ח | ה | ס | ק | צ | נ | ו | ס | א | י | ז | א | ז |
| ט | ע | י | ס | ג | א | ת | ח | מ | ל | ז | ב | ס | ע | א | ה | ג | צ | פ | ט | ק | פ | כ | מ | ט |
| ו | נ | ס | נ | ז | נ | ח | ג | ו | ח | ת | ח | ג | ג | ו | ק | מ | ר | י | ט | מ | א | ש | י | ד |
| י | ג | ק | ז | ג | נ | ל | נ | י | י | מ | פ | ח | נ | ר | י | ע | צ | ו | ת | ר | ר | צ | ז | א |
| ש | ט | ר | נ | ב | ע | ג | ע | ג | ש | ד | ט | י | ז | י | ח | ט | ז | ז | ס | ב | ב | ח | ת | א |
| ט | ע | ב | ה | ט | ה | ר | ז | ב | פ | ג | פ | ו | נ | ק | ט | א | ת | ק | ל | י | י | נ | ע | מ |
| ד | ע | נ | א | פ | ו | ר | ח | מ | נ | ל | ו | מ | ת | פ | ש | כ | נ | ע | א | א | נ | ס | ש | ד |

העלף נחמן

נתן רעדן צום

אייבערשטן

צווישן די

גראז





# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | 1 | | 4 | | |
| | | | 3 | 2 | |
| | | | | 4 | 6 |
| 5 | 6 | | | | |
| 4 | | | | | 2 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 4 | 6 | | 7 | 3 | 5 | | 8 | 2 |
| 2 | | | | 6 | | | | 1 |
| | | 3 | | 1 | | 6 | | |
| 6 | | | | 4 | | | | 3 |
| 7 | 1 | 5 | 3 | | 2 | 4 | 6 | 8 |
| 3 | | | | 7 | | | | 5 |
| | | 2 | | 5 | | 1 | | |
| 1 | | | | 2 | | | | 7 |
| 9 | 4 | | 1 | 8 | 3 | | 2 | 6 |




# א

# שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**כט.** מִי שֶׁאֵין לוֹ בִּטָּחוֹן, הוּא דּוֹבֵר שְׁקָרִים, וְעַל יְדֵי שְׁקָרִים אֵין יָכוֹל לִבְטֹחַ בֶּאֱמֶת.

**טייטש.** וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין בִּטָּחוֹן, זָאגְט לִיגְנְט; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף פַארְקֶערְט, וֶוער עֶס זָאגְט לִיגְנְט קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֱמֶת'ע בִּטָּחוֹן.



# חידות

## אפטיילונג

**די חכמים זאגן יעדער מוטשעט זיך, וואויל איז דער וואס**

א. איז פריילין

ב. ליידט בזיונות אויף דער וועלט

ג. רעדט נישט לשון הרע

ד. מוטשעט זיך אין די תורה

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט: עיקר פון תשובה איז

**ענטפער:** הערן וויאזוי מען פארשעמט דיר און שווייגן

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**יושע היימליך נרו יאיר - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת שלח?

## פון אויבן אראפ.

1. ____ דערמאנט פונעם באשעפער
2. אלע ____ קומען פון נישט זיין פרייליך
4. וואויל איז דעם מענטש לערנט יעדן טאג זיינע ____ און איז זיך מתבודד
6. רעדט זיך אויס צום ____ טאטן וועט איר ווערן פרייליך און געזונט
7. א ____ פון בית פיגא זאל מען קענען פארדרייען דעם קאפ מיט פאנטאזיעס?
9. ____ פונעם אייבערשטן ווי ער מאכט אלעס און טוט אלעס
10. ווען מ'ווייסט פונעם פראבלעם און מ'בעט הילף, איז מען שוין כמעט א ____
12. דער רבי האט אונז געגעבן א ____ ____, א זיסע געשמאקע צו לערנען די הייליגע תורה
15. ווי אזוי וואלט איך אויסגעקוקט אן דעם ____

## פון רעכטס צו לינקס.

3. ____ ____ איז פאלגן דעם רבי'ן, זיך מתבודד זיין, און זיין פרייליך אפילו מען האלט אז מען דארף זיין צעבראכן
4. פארלייג זיך צו ענדיגן יעדן חודש ____ ____ ____
5. גיי אין א ____ ליידיגע פלאץ און גיס זיך אויס דיין הארץ צום אייבערשטן
8. עס איז זייער ____ פאר יעדן איינעם אויסצוהערן שיעורים פון חיזוק
11. בעט דעם באשעפער זאלסט שפירן א טעם אין די הייליגע תורה און אין ____ ____
13. זאלסט בלייבן ____ מיט דיין ציצית און קאפל, בארד און פיאות
14. זיין ____ מיט די קינדער וואס אנדערע קוקן נישט אויף זיי
16. וואויל איז דעם מענטש וואס כאפט זיך אן אינעם ____ ____ וואס לערנט מיט אים אמונה
17. גיי אויף ____ ____ מיט דיינע קינדער



## די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג





ברית פון אליעזר שלמה נ״י בן ר׳ אשר יעקב בלום הי״ו
מאנטאג שלח תשפ״ב



א טענט פארנט פון בית המדרש שומר שבת אין בארא פארק צו צאמנעמען געלט אין טאג פונעם קאמפיין



א טענט פארנט פון שיינער׳ס בית המדרש אין מאנסי צו צאמנעמען געלט אין טאג פונעם קאמפיין



ר׳ שלמה ברוך בלוי הי״ו עורך ומוציא לאור ספרי מוהרא״ש - באזוכט אין שטעטל ביים תלמוד תורה



מנהל המוסדות ר׳ אברהם משה שטראססער הי״ו באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל





ראש ישיבה באזוכט אינעם נייעם קאנטרי "אילן החיים" דאנערשטאג שלח תשפ"ב





פארציילט פאר די קינדער אין שטעטל "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" - דאנערשטאג שלח תשפ"ב




באזוכט אין די אפיס פון "אנשי חיל" - ה' שלח תשפ"ב



ביים פארלערנען דעם דף גמרא אין שטעטל פאר די קינדער פון כיתה ט' - ה' שלח תשפ"ב



באטראכט דעם קרית ברסלב בלעטל ביים באזוך אין בית הדפוס - ה' שלח תשפ"ב



באטראכט דעם נייעם קונטרס "זוהר עם פירוש חזית אש" - ה' שלח תשפ"ב



מסדר קידושין ביי חתונה פון תלמיד הישיבה החתן
יצחק רוטנער נ"י - ד' שלח תשפ"ב



תפילין לייגן פון הבחור אהרן אפענהיים נרו יאיר



חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש
וויליאמסבורג - א' קרח תשפ"ב



קלאס צאמגעשטעלט אין שטעטל זיך צו לערנען וויאזוי
צו ראטעווען אידישע לעבנס



די קינדער פון כיתה א' שטעטל חדר צוזאמען מיט די חדר פון קרית יואל אויף א טריפ - א' קרח